Lodzer Tageblat № 265

Opłata pocztowa uiszcz. ryczałtem

פרייז 15 גראשען

# לאדזשער טאגעבלאט

היינט 6 זייטען

רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 16. טעלעפאנען פון: רעדאקציע 10057, פון אדמיניסטראציע 10047.

מיטוואך, פ' תולדות כ"ח מרחשון תרצ"א | 19 listopada 1930 r. | 23-טער יאהרגאנג

# סלאווען, סקלאדקאווסקי — קאנדידאטען פאר פרעמיער

## קוועסטיאנירטער 2-טער יוד. מאנדאט אין לעמבערג אנערקענט פאר ליסטע 1

## ב. ב.-קלוב טראגט אריין אין סיים א נייעם פראיעקט צו ענדערן די קאנסטיטוציע

### צווייטער יוד מאנדאט איז לעמבערג נישט אנערקענט

לעמבערג. (טעלעפאניש) ביז 11 אין אווענד האט געדויערט די זיצונג פון יער קאמיסיע פעסטצושטעלען וועמען עס געהערט דער צווייטער פלאטשער מאנדאט. ענדליך האט מען דעם מאנדאט צוגעפסק'ענט לטובת דעם אייגנסעל, וויל פון דער ליסטע 14 זענען געפסל'ט געווארען 400 שטימען.

### רעגירונג זאל זיך אפגעבען אין דימיסיע

ווארשא (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) ווי מען שמועסט אין די פאליטישע קרייזען וועט די רעגירונג זיך אפגעבען אין דימיסיע, באלד נאכ'ן סיים, ווי דער סיים וועט זיך צונויפקומען און דער מלוכה-פרעזידענט וועט באשטימען א נייע רעגירונג. אלס פרעמיערען זאלען באשטימט ווערען מוגימער סקלאדקאווסקי אדער פילק. סלאווען.

### פרייטאג וועט בעקאנט ווערען דער אפיציעלער ענדגילטיגער רעזולטאט פון די סיים-וואהלען

ווארשא. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) די הויפט-וואהל-קאמיסיע וועט אין הסכם מיט דער וואהל-ארדינאנציע ביז מיטוואך פעסטשטעלען דעם ענדגילטיגען רעזולטאט פון די וואהלען צום סיים. נאכדעם וועלען פעריפילם ווערען די מאנדאטען צווישען די פערשידענע ליסטעס און עס וועט צוגעשיקט ווערען דער פראטאקאל צום הויפט-וואהל-קאמיסאר.

די זיצונג פון דער מלוכה'שער וואהל-קאמיסיע וועט פערטיילען די מאנדאטען אויף די מלוכה-ליסטעס, נאכדעם ווי עס וועלען אנקומען די פראטאקאלען פון די וואהלען אין גאנץ פוילען. די זיצונג וועט פארקומען פרייטאג אדער שבת.

### זעלבסטמארד פון א יודישען אינדוסטריעלער

ווארשא. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט איז אין ווארשא בעגאנגען זעלבסטמארד דער בעקאנטער אינדוסטריעלער יוליוש בערגער אנ'אוידעם פון בעקאנטען ווארשאווער אינדוסטריעלער מיכאל רוג.

### נייער פראיעקט צו ענדערן די קאנסטיטוציע

ווארשא. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דער קלוב פון ב.ב. גרייט צו ארייצוטראגען אויף דער נאענטסטער סיים-זיצונג א נייעם פראיעקט צו ענדערן די קאנסטיטוציע, וואס וועט זיך שטארק אונטערשיידען פון פריהערדיגען פראיעקט.

### ווער וועלען בעפרייט ווערען די ארעסטירטע געוועז. דעפוטאטען?

ווארשא. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) ווי בעקאנט דארפען די ארעסטירטע געוו. דעפוטאטען, וועלכע האבען קאנדידירט צום סיים און זענען איצט ווידער געוועהלט געווארען, בעפרייט ווערען פון תפיסה אויפ'ן יסוד פון ארטיקעל 21 פון דער קאנסטיטוציע. אין צוזאמענהאנג דערמיט שמועסט מען אין די ב.ב.-קרייזען, אז די סיים-מעהרהייט וועט בעשליסען זיי נישט צו בעפרייען.

### געשטארבען דער קרבן פון די זונטאגדיגע צוזאמענשטויסן אין ווארשא

ווארשא. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט איז אין שפיטאל אויף טשיסטא געשטארבען דער 19-יעהריגער יודישער בחור אהרן צוני-לאדזש, וואס איז פערוואונדעט געווארען בעת די זונטאג'דיגע געשלעגען צווישען די פראקעס און קאמוניסטען.

### 11 פרויען-דעפוט. אין נייעם סיים

ווארשא (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) אין נייעם סיים וועלען אריינגעהן 11 פרויען, פארשטעהערינס פון פערשידענע פארטייען.

**Ofiarą naszych czasów**

jest ten biedny człowiek. Ciągłe troski i kłopoty sprawiają mu często bóle głowy. Z tego powodu ma on zawsze pod ręką oryginalne tabletki Aspiriny, które łagodzą te nieznośne bóle.



**Istnieje tylko jedna**

**ASPIRINA** BAYER

Każde opakowanie i każda tabletka oryginalnej Aspiriny opatrzone są znakiem BAYER.

נאך קורצע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 68 יאהר אונזער ליבע מוטער, גרויסמוטער, שוויגערמוטער און טאנטע

## נ"ע גיטל לאה ליכטענבערג

### אשת ר' פנחס ליכטענבערג ז"ל (פון דער היים דאבזשינסקא)

די לויה קומט פאר היינט מיטוואך, כ"ח מרחשון תרצ"א, 2 א זייגער נאכמיטאג פון טרויער-הויז פיעטריקאווער 64.

וועגען וואס עס טיילט מיט אין גרויס צער

**די הינטערבליבענע פאמיליע.**

בלב נשבר ונדכה מודיעים אנחנו על האסון הנורא שקרנו במות עלינו בננו

## נ"ע יצחק ב"ר פנחס הכ' ב"י קאפער

סטודענט האוניווערסיטעט בורשא בשנת 21 לימי חייו

ההלוי' תהי' היום, ביום ד', כ"ח מרחשון תרצ"א, בשעה 2 אחה"צ מבית-האבל רחוב נדאנסקא 42.

המודיעים בצער עמוק:

**משפחתו המתאבלת**

בלאק צו פערטיידיגען די רעכט פון יודישען פאלק אין פוילען (לאדזער וואהל-קאמיטעט).

**12**

אלע יודען שטימען צום סענאט נאר פאר דער ליסטע 12

היינט מיטוואך, ד. 19 נאוועמבער 9 אין אווענד קומען פאר פאלגענדע

## וואהל-מיטינגען

אין צוזאמענהאנג מיט די סענאט-וואהלען

אין די לאקאלען פון „התאחדות" שענקעוויטשא 3/5, „בני-ציון," רזשגאווסקא 7, „סיני" גלובנא 62, פרובט- און געמיזע-הענדלער-פעראיין זגערזשער 28. רעדנער: סיים-דעפוטאט ד"ר ראזענבלאט, רעד. י. אוגער, לאוניק א. יאעל, ראטמאן י. מ. ביאלער, אינז. י. זעלינסקי. משה לימאן, א. אסט, י. ערליך, מ. טעמפעלהאף, צבי רינגארט און אנדערע.

יודען וועהלער! קומט מאסענווייז צו די וואהל-מיטינגען!

אונזער חשוב'ן פרעזעס פון ראט ה' **אינזש. גרשון פראשקער** צוליב'ן טויט פון זיין מוטער

## נ"ע שרה רחל

דריקען אויס דעם אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל

**ראט און פערוואלטונג פון דער קאאפעראטיווער באנק פון סוחרים און פאבריקאנטען, צעגעלניאנא 39.**

בלאק צו פערטיידיגען די רעכט פון יודישען פאלק אין פוילען (לאדזער וואהל-קאמיטעט)

**12**

יודען וועהלער! אונזער קאנדידאט צום סענאט פון דער לאדזער וואיעוואדזטווא איז

## לאוניק אלעקסאנדער יאעל

ביי די לעצטע סענאט-וואהלען אין יאהר 1928 האט אונזער ליסטע בעקומען 73.000 שטימען און די ליסטע פון דער „אגודה" האט דאמאלס דערהאלטען נאר 22.500 שטימען. יעדער יוד, וועלכער וועט איצט ביי די סענאט-וואהלען אבגעבען זיין שטים אויף די אגודה'שע ליסטע, דארף וויסען, אז זיין שטים איז ארויסגעווארפען.

יעדער יוד, וועלכער שטימט פאר דער ליסטע 12

**12** העלפט מיט אדורכצופיהרען א יודישען סענאטאר! שטימט דעריבער אלע פאר דער ליסטע 12.

